# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב
הערות פון די ליינער

**וְעָשִׂיתָ אֶת הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים**

בעזרת השי"ת ▪ פרשת תרומה/זכור תשפ"א ▪ גליון קיג'


### עס קוקט אויס ווייט, עס קוקט אויס לאנג אבער...

# דעם טאג גייט אנקומען!

### זענען מיר גרייט??

**פארוואס פונקט די עצי שיטים פונעם משכן זענען געבליבן באהאלטן אויף אייביג ...**

די מושג פון "גאולה" איז ליידער געווארן אן אפגעשוואכטע זאך, עפעס וואס קוקט אונז אויס זייער ווייט אוועק פון אונזער שכל, עפעס וואס גייט געשעהן ווער ווייסט ווען...

אבער צו ווייסט איר אז די גמרא זאגט **אין מסכת שבת דף לא**, אמר רבא: נאך די הונדערט און צוואנציג יאר פון א מענטש, איידער ער וועט ווערן גע'משפט אויבן אין הימל, וועט מען איהם פרעגן פיר קשיות[א]. די פערדע שאלה וועט זיין, "**האסטו געהאפט אויף די גאולה?** האסטו כסדר געטראכט אז אט אט גייט משיח קומען? האסטו געווארט ווען וועט דאס שוין זיין?"

די וואכעדיגע פרשה לערנט אונז אויס ווי אזוי מען דארף "האפן אויף די גאולה" דורך א לעבעדיגע דוגמא...

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי.** (שמות כה)

דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה, "גיי ארום און נעם צוזאם נדרים און נדבות פון די ווארימע אידישע הערצער פארן הייליגן משכן. איך וויל אז דו זאלסט מיר בויען א משכן און אלע אידן זאלן קענען האבן א חלק אין דעם..."

די פרשה רעכענט אויס עטליכע זאכן וואס מען דארף האבן פאר די משכן. איינע פון די זאכן וואס די פסוק זאגט איז **עֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים וַעֲצֵי שִׁטִּים** (כה ה), געוויסע הויטן און שטיקער האלץ. וועלכע האלץ? זאגט אונז די תורה: **עֲצֵי שִׁטִּים**, העלצער וואס ווערן אנגערופן **שִׁטִּים**.

### איף וואס האט מען גענוצט די האלץ?

מיר געפונען "פיר" זייער וויכטיגע זאכן וואס מען האט געדארפט מאכן פון דעם האלץ.

**די ארון:** וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים...(שמות כה י)

**די שולחן:** וְעָשִׂיתָ שֻׁלְחָן עֲצֵי שִׁטִּים... (שם כה כג)

**די ברעטער:** וְעָשִׂיתָ אֶת הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים (שם כו טו)

**די מזבח:** וְעָשִׂיתָ אֶת הַמִּזְבֵּחַ עֲצֵי שִׁטִּים... (שם כז א)

פרעגט רש"י (ד"ה ועצי שטים): פון וואו האבן די אידן געהאט די סארט האלץ אינעם מדבר? (אין די מדבר וואקסט דאך נישט קייןביימער?!) זאגט רש"י בשם די תנחומא: יעקב אבינו האט געזעהן ברוח קדשו אז די אידן וועלן האבן די זכייה צו בויען א משכן אינעם מדבר און וועלן דארפן האבן טענענביימער דארטן. דעריבער, האט ער דאס מיטגענומען מיט זיך קיין מצרים און עס דארט איינגעפלאנצט. דערנאך, האט ער באפוילן זיינע קינדער אז ווען זיי גייען ארויס, זאלן זיי דאס מיטנעמען, ע"כ.

די ווערטער פון רש"י קענען מיר נאך אלע פון די גירסא דינקותא, אבער וואס גענוי דא האט פאסירט און ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען, דאס איז שוין נישט אזוי באקאנט. ווען מיר וואלטן געוואוסט מער פרטים וואס די מדרשים זאגן, וואלטן מיר געלערנט אינגאנצן אן אנדערע רש"י. די רש"י האט אין זיך א טיפער מוסר השכל און א הדרכה אויף אונזער טאג-טעגליכן לעבן, בזמן הגלות!

### פון וואו האט יעקב אבינו געהאט די ביימער?

זאגט די מדרש (בר"ר צד ד): **וַיִּסַּע יִשְׂרָאֵל וְכָל אֲשֶׁר לוֹ וַיָּבֹא בְּאֵרָה שָּׁבַע** (בראשית מו א). בשעת ווען יעקב איז אראפ קיין מצרים, האט ער זיך אפגעשטעלט אין באר שבע.

פרעגט די מדרש: פארוואס האט יעקב זיך אפגעשטעלט דארטן און

---

[א] "האסטו געהאנדלט ערליך?", "האסטו געמאכט צייט צו לערנען?" און "האסטו פרובירט עוסק צו זיין צו העלפן מענטשן טוהן שידוכים?"

נישט געגאנגען גלייך פון חברון קיין מצרים? זאגט די מדרש: **אמר רב נחמן, שהלך לקוץ ארזים שנטע אברהם זקינו בבאר שבע**[ב], יעקב אבינו איז געגאנגען אפשניידן די טענענביימער וואס זיין זיידע אברהם האט איינגעפלאנצט אין באר שבע.

דאס הייסט, יעקב אבינו, א עלטערע זקן, ער האלט אינמיטן זיך אריבערציען קיין מצרים כדי צו זעהן זיין טייערע זוהן וואס ער האט שוין נישט געזעהן פאר צוויי און צוואנציג יאר, ער האט שוין ענדליך געהערט אז עוד יוסף בנו חי און אט אט גייט שוין קומען די גליקליכע מינוט ווען ער גייט אים טרעפן, ער האט נישט קיין אנדערע דאגה נאר צו נעמען זיין גאנצע מחנה און מאכן א סטא"פ אין באר שבע?! און טוהן וואס? שניידן עפעס א דיקע גרויסע בוים און עס מיטשלעפן מיט זיך קיין מצרים! וואס איז אזוי חשוב מיט דעם בוים? און וואס וויל יעקב אבינו טוהן מיט דעם בוים?

זאגט די מדרש (שמות רבה פרשה לה וְזֹאת הַתְּרוּמָה): א"ר טביומי, איידער יעקב אבינו איז נפטר געווארן פון דער וועלט, האט ער גערופן זיינע קינדער און זיי אנגעזאגט, "טייערע קינדער, איר זאלט וויסן אז דער אייבערשטער גייט הייסן פאר אייערע קינדער צו "בויען א משכן", דער אייבערשטער גייט אייך באפעלן "**וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ**, מאכטס פאר מיר א הויז און ווען עס וועט ווערן פארטיג, **וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם**, דעמאלטס וועל איך דארט אראפנידערן און משרה זיין מיין שכינה הק' בתוככם." שנאמר: **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם**. דאס איז עפעס אן עקסטערע חשיבות און נאנטקייט וואס איז נאך נישט געווען ביז יעצט. דער אייבערשטער אליין גייט וואוינען צוזאמען מיט אייך אויף דער וועלט."

"איר גייט אבער נישט וויסן ווען דאס גייט זיין, בעט איך אייך טייערע קינדער: מאכט זיכער אז אלעס וואס מען דארף האבן פארן משכן ליגט שטענדיג גרייט ביי אייך."

## ווי אזוי איז מען זוכה דערצו?

יעקב אבינו, ברוח קדשו, האט דא געזעהן א געלעגנהייט וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען פריער און עס איז געווען א שאד צו פארפאסן. וואס האט ער געטוהן?

ער האט געשניטן גרויסע ריזיגע טענענביימער און זיך געשלעפט מיט דעם קיין מצרים. דארט, האט ער עס איינגעפלאנצט און אנגעזאגט פאר זיינע קינדער, "געדענקטס, איר גייט האבן א זכיה צו בויען א הויז פארן אייבערשטען. **נעמט מיט די ביימער און סיי וועלכע מאטריאל וואס איר טראכט אז מען וועט דארפן נוצן כדי איר זאלט זיין גרייט.**"

"מיר קענען נישט וויסן פאראויס ווען דאס וועט זיין אבער דאס איז זיכער אז עס גייט זיין אין די מדבר און דארטן וועט איר נישט האבן אלעס וואס איר דארפט. בעט איך אייך, מאכט זיכער אז איר פארפאסט נישט די געלעגנהייט..."

## לאמיר זיך פארשטעלן די מראה...

יעקב אבינו זצוק"ל ווערט נפטר. זיינע קינדער געדענקן און חזר'ן דעם טאטע'ס צוואה און זיי געבן דאס איבער פאר זייערע קינדער. דור נאך דור, אן ערך פון 10 דורות[ג] ווערט מחונך מיט אט די צוואה פונעם זיידן יעקב און זיי געבן דאס ווייטער איבער. יעדע טאטע ווייזט פאר זיין זוהן "די הויכע ביימער" וואס מען דארף אכטונג געבן און מיטנעמען ווען מען וועט ארויסגיין פון מצרים.

**לאמיר זיך מצייר זיין:** מחלי, די אכטע דור פון שבט דן, זיצט אפגעשמיסן און אפגעריסן אין מצרים. ער איז צוקלאפט און צובאלט פון די שווערע ארבעט און ביטערע פעטש וואס ער כאפט פון די נוגשים. ער איז מוטלאז פון נישט עסן און נישט שלאפן פאר אזויפיל טעג. עטליכע פון זיינע קינדער האט מען אריינגעבויעט אין די ווענט אויף אן אכזריות'דיגן אופן און די אנדערע זענען נעבער אומגעקומען פון אנדערע מצרי'שע רשעות'דיגע שטיק. ער איז קוים געבליבן מיט צוויי זוהן מיט וועמען ער כסדר חזר'ט איבער, "מיינע טייערע זין, איר ווייסט אז אונזער זיידע'ס זיידע, דער הייליגע יעקב אבינו, האט איינגעפלאנצט ביימער דא אין מצרים. מיינע טייערע קינדער, האלט אן אויג אויף דעם און געבט זיי אכטונג. איך גלייב נישט אז איך וועל נאך זוכה זיין צו דעם אבער אפשר אייך יא..."

מיין טייערע טאטע, הלואי ווען מיר וואלטן משיג געווען דאס וואס דו זאגסט אונז יעצט. אבער מיר זענען דאך אזוי ווייט פון דעם...

דער קינדער ווייסן נישט צו זיי זאלן לאכן אדער וויינען, "וואס מיינען די ווערטער? וואס האבן מיר מיט אט די ביימער?" ענטפערט דער טאטע געמיטלער, "מיינע קינדער, קומט און איך וועל אייך מסביר זיין." מחלי הייבט אן זיין דרשה, "עס וועט נאך קומען א צייט וואס מיר וועלן ארויסגיין פון מצרים! מיר האבן נבואה פון דעם זיידן יעקב אז עס גייט קומען א צייט וואס דער אייבערשטער וועט זיין זייער נאנט צו אונז, אזוי נאנט אז מיר וועלן האבן די זכיה צו בויען א הויז פארן אייבערשטער און ער וועט דארטן וואוינען! אבער וויבאלד עס וועט זיין אינעם מדבר און דארט איז דאך נישט דא אלע סארט מאטריאל וואס מען דארף האבן פאר דעם, בעט איך אייך: געדענקט! ווען איר וועט ארויסגיין פון דא, נעמט מיט די ביימער!"

די קינדער שטייען איינגאנצן פארוואונדערט און הייבן אן וויינען, "מיין טייערע טאטע, הלואי ווען מיר וואלטן משיג געווען דאס וואס דו זאגסט אונז יעצט. אבער מיר זענען דאך אזוי ווייט פון דעם! מיר זענען שוין פארשקלאפט אין מצרים פאר כמעט צוויי הונדערט יאר! קודם זאלן מיר ארויסגיין פון דא און דערנאך וועלן מיר טראכטן פון בויען און שלעפן מאטריאל. ווער זאגט אז מיר וועלן נאך בכלל אמאל זוכה זיין

---

[ב] אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביי אברהם וַיִּטַּע אֶשֶׁל בִּבְאֵר שָׁבַע (בראשית כא לג)

[ג] אם נחשוב שכל עשרים שנה נחשב דור, והיו שם 210 שנה הרי זה כערך של 10.5 דורות.

צו דעם! קוקט ווי אזוי מיר קוקן אויס, כמעט ווי האלבע גויים, פארזינקן אין די טומאת מצרים!"

אבער דער טאטע לאזט נישט נאך און זאגט ווייטער, "מיינע קינדער, עס איז נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב מיר זענען יעצט. אויב מיר וועלן גלייבן, האפן און וויזן פארן אייבערשטען אז "מיר ווילן זיין נאנט מיט איהם" און מיר שטייען גרייט אויף די מינוט ווען עס גייט געשעהן, וועלן מיר בעזהשי"ת זוכה זיין צו דעם. ווייל דאס אלעס האב איך מקובל פון מיין טאטע און ער פון זיין טאטן ביז יעקב אבינו..."

**וכך הוי**, די קינדער און די אייניקלעך האבן דאס אלעס גוט אכטונג געגעבן. יעדעס מאל ווען זיי זענען אדורך די ביימער, האבן זיי געקוקט אויף דעם מיט א תשוקה און בענקעניש, "ווען וועלן מיר זוכה זיין צו דעם?" ותעל שועתם אל האלקים: "מתי אבוא ואראה פני אלוקים???"

* * *

## צוויי הונדערט און צען יאר נאך יעקב אבינו איז אראפ קיין מצרים, איז אנגעקומען די גליקליכע טאג...

ערב פסח אין מצרים: דער עולם לויפט ארום. דער נעמט צוזאם גאלד און זילבער פון די שכנים, דער נעמט צוזאם זיינע שאף... יעדער איז ביז"י. אבער עטליכע ערליכע משפחות וואס האבן במשך די גאנצע צייט געהאפט און געווארט אויף די מינוט, האבן זיך גלייך גענומען צו די ארבעט. רפי בן מחלי מיט זיינע קינדער און קרובים שטייען און שניידן ריזיגע ביימער, איינס נאכן צווייטן.

כדי צו פארשטיין פון וועלכע ביימער מען רעדט דא, לאמיר זעהן וואס שטייט אין מדרש (בר"ר צד ד סו"ד): **וְהַבְּרִיחַ הַתִּיכֹן בְּתוֹךְ הַקְּרָשִׁים מַבְרִחַ מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה** (שמות כו כח). נאכן אויפשטעלן אלע קרשים, איז אינעווייניג געווען איין האלץ וואס איז אריבער אלע ברעטער. אמר ר' לוי: והבריח התיכון שנים ושלשים אמה היו בו, די בריח התיכון איז געווען צוויי אין דרייסיג אמות, בערך פופציג פיס הויך[ד]. אויף שטאקן, וואלטן מיר געזאגט בערך 6 שטאק הויך...

פרעגט די מדרש: פון וואו האט מען געשאפט אזא ריזיגע שטיק האלץ אינעם מדבר? מלמד שהיו מוצנעין עמהם מימות יעקב אבינו, מיט די ריזיגע העלצער וואס די אידן האבן ארויסגעטראגן פון מצרים.

דאס איז אבער נאר געווען איין האלץ. די קרשים אינעם משכן זענען געווען 48 העלצער צוזאמען[ה]. זיי זענען טאקע נישט געווען אזוי הויך, אבער בכלל נישט קליין. יעדע האלץ איז געווען 1 אמה דיק און 10 אמות הויך[ו], וואס איז אן ערך פון פופצן און-א-האלב פיס הויך, צוויי שטאק הויעך.

דער עולם איז שטארק פארנומען נעמען ווי מער זאכן פון די שלעכטע מצריים. אבער בשעת זיי גייען, זעהן זיי ווי א גרופע אידן, ובראשם רפי, מוטשעט זיך אפ מיט די ביימער. יעדער פרעגט, "וואס גייט דא פאר? וואס זענט איר אזוי ביז"י דא, שניידן און שלעפן ביימער?!"

כולם בפה אחד אמרו: "יא, טייערע חברים, מיר דארפן דאס זייער וויכטיג האבן. עס גייט קומען א צייט אין די מדבר וואס מיר וועלן בויען א חשוב'ע הויז פארן אייבערשטער און מיר דארפן דאס האבן פאר די בימ"ס, פאר די כלים און ווער ווייסט וואס נאך..."

דער עולם ווערט ממש נתפעל פון זייער אמונה און בטחון. איינער רופט זיך אן, "רפי מיין טייערע חבר, דו ווייסט אז איך בין באמת נתפעל פון דיר, דו טראכסט יעצט פון אזא ווייטע זאך. איך מוז אויך עפעס זעהן צו טוהן דערוועגן, פון יעצט און ווייטער גיי איך אויך אנהייבן אוועקלייגן זאכן פאר די משכן..."

## די בעסטע תירוץ פאר די מצריים!

זאגט דער ילקוט מעם לועז (הדבר יא): יעקב האט אויך אנגעזאגט פאר זיינע קינדער וואס זיי זאלן ענטפערן פאר די מצריים ווען זיי וועלן זעהן ווי מען שלעפט זיך מיט ריזיגע לאנגע העלצער... ותו"ד הוא, "זאגט פאר די מצרים אז איר דארפט דאס פאר די מזבחות, מקריב צו זיין די פיל קרבנות וואס איר האט נישט געקענט מקריב זיין ביז יעצט. דאס וועט נאך צוהעלפן אז זיי זאלן ווערן נאך מער פאר'נאר'ט און מיינען אז איר קומט צוריק, ווייל איינער וואס פלאנט צו אנטלויפן וועט קיינמאל זיך נישט שלעפן מיט זעק און פעק, ער וועט נאר כאפן א קליין פעקל און לויפן. אבער איינער וואס גייט אויף א וואקאציע, ער נעמט זיך מיט אלע באקוועמליכקייטן.

* * *

און אזוי גייען די אידן ארויס פון מצרים, שלעפנדיג מיט זיך די ריזיגע ביימער דורכ'ן ים, אינעם מדבר און פון איין פלאץ צום אנדערן. וואו זיי זענען געגאנגען, זענען די ביימער מיטגעפארן, ווערנדיג געשלעפט דורך די שבטי י-ה מיט פלאג און מיה, עפעס וואס איז שפעטער געטוהן געווארן דורך 8 אקסן אין 4 וועגנער[ז].

**זאגט דער ילקוט מעם לועז:** ובודאי היה זה נס גדול אז די אידן האבן געקענט שלעפן אזא שווערע משא, ובפרט דורכגיין די ים מיט דעם און דערנאך דאס שלעפן טעג און וואכן אין די מדבר...

---

[ד] אם אמה הוא כערך 48 ס"מ

[ה] עשרים קרשים לצד דרום, עשרים לצד צפון, ובצד מערב ששה קרשים. בנוסף לכך נקבעו שני קרשים בזויות המשכן, וביחד ארבעים ושמונה קרשים. (שמות כו, יח - כג.)

ועי' בבעל הטורים: למשכן עצי שטים עומדים... מ"ח קרשים נגד מ"ח נביאים ומ"ח משמרות כהונה ולויה. (שם)

[ו] ועשית את הקרשים למשכן עצי שטים עמדים. עשר אמות ארך הקרש ואמה וחצי האמה רחב הקרש האחד (שמות, כו ט"ו-ט"ז). וע"ע שבת צח:

[ז] כמו שנאמר "**אֶת שְׁתֵּי הָעֲגָלוֹת וְאֵת אַרְבַּעַת הַבָּקָר נָתַן לִבְנֵי גֵרְשׁוֹן: כְּפִי, עֲבֹדָתָם; וְאֵת אַרְבַּע הָעֲגָלֹת וְאֵת שְׁמֹנַת הַבָּקָר נָתַן, לִבְנֵי מְרָרִי, כְּפִי עֲבֹדָתָם, בְּיַד אִיתָמָר בֶּן-אַהֲרֹן הַכֹּהֵן; וְלִבְנֵי קְהָת לֹא נָתָן, כִּי עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ עֲלֵהֶם, בַּכָּתֵף יִשָּׂאוּ**" (ז, ז-ט). דהיינו שלכל עגלה היתה שני בקר המושכים אותה. משה נתן לכל אחד מספר העגלות לפי גודל עבודתו. לבני גרשון שעבודתם לא היתה קשה כל כך, שנשאו יריעות המשכן, האוהל והמכסה וקלעי החצר, נתן להם שתי עגלות וארבע בקר, אבל לבני מררי שמלאכתם היתה קשה, שהם נשאו את הקרשים והעמודים והאדנים, נתן להם ארבע עגלות ושמונה בקר.

## איין שיינעם טאג...
## איז אנגעקומען די גליקליכע מינוט...

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי** (שמות כה), מען גייט שוין טאקע בויען א משכן... משה לויפט ארום און רופט אויס אז ווער עס האט פון די אויסגערעכנטע זאכן, זאל דאס ביטע ברענגען ווי שנעלער ווייל מען גייט בויען א משכן... זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת... וְעֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים וַעֲצֵי שִׁטִּים... שֶׁמֶן לַמָּאֹר בְּשָׂמִים לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה... אַבְנֵי שֹׁהַם וְאַבְנֵי מִלֻּאִים...

זאגט די מדרש (שמות רבה לה): עס זענען געווען אזעלכע אידן וואס האבן זיך טאקע פיין צוגעגרייט, אבער פון די אנדערע זייט איז ליידער געווען אזעלכע וואס האבן אינגאנצן פארגעסן פון דעם. די מענטשן וואס האבן זיך פיין צוגעגרייט, זענען גלייך געקומען צו לויפן און אויסגערופן פריילעכערהייט "מיר זענען דאך שוין גרייט פון א לאנגע צייט צוריק!" שכן הוא אומר (שמות לה, כג): "**כל איש אשר נמצא אתו תכלת וארגמן**", דער וואס האט זיך אוועקגעלייגט "תכלת או ארגמן", ואומר (שם, כד) "**כל אשר נמצא אתו עצי שטים**", דער וואס האט זיך אוועקגעלייגט עצי שטים, די אלע זענען געקומען ברענגען זייערע זאכן.

ווי די תנחומא איז דאס אביסל מער מסביר (דארט אין בראשית), איז דאס גאר א דיוק פון די לשון הפסוק, עס שטייט נישט: **אשר "ימצא" אתו**, וואס וואלט געמיינט "וואס עס טרעפט זיך יעצט ביי איהם" נאר עס שטייט: **וכל אשר "נמצא" אתו עצי שטים**. ד"מ: "עס געפונט זיך שוין לאנג ביי איהם!"

**די אידן וואס האבן זיך געגרייט פון לאנג, זיי האבן טאקע זוכה געווען צו די גאנצע גליק ווייל פון זייערע זאכן האט מען געמאכט רוב פון די כלי המקדש: די קרשים, די ארון, די מזבח, די שולחן...**

משא"כ, די אידן וואס האבן פארגעסן אדער זיך פארשפילט, זיי זענען יעצט געשטאנען און זיך געריסן ביים קאפ, "וואס טוט מען??" און זיי האבן נאר געקענט ברענגען אביסל גאלד און זילבער וואס זיי האבן געהאט מיט זיך יעצט.

**זייט נישט קיין צוועק לשעבר, דער טאג גייט אנקומען...**
**ענדערש זייט פון די וואס זענען צפית לישועה!**

**די חשיבות פון א זאך איז לויט וויפיל פלאג דער מענטש לייגט אריין!**

**עי' באוהה"ק אבני שוהם** (כב כד) הקשה האוהה"ק צריך לדעת למה ב' אבני שהם ואבני מלואים בסדר אחר כל הי"א מינים ומן הראוי היה לו לסדרם קודם זהב וכסף כי הם מועילים מהם...

**ומתרץ האוהה"ק אין התרומות נמנות כאן לפי סדר חשיבותם העצמית אלא לפי הסדר של העמל והטורח שהיה לישראל בהבאתם**, והיינו כל הדברים המנויים שם, הגיעו להם לישראל על ידי עמל, אולם אבני שהם לא טרחו ישראל בהבאתם, וכדאיתא בגמ' (יומא עה.) שבדרך נס באו אליהם האבנים היקרות, הענגים הביאום אליהם שנאמר (להלן לה כז) והנשיאים הביאו את אבני השוהם ונשיאים מפרשים חז"ל עננים, נמצא שמשולחן גבוה זכו בלי יגיעה וחסרון כיס על כן נזכרת נדבה זו בסוף כל הנדבות שלפי סדר זה דרגתה אחרונה, עכתו"ד.

ווייל אין די משכן, האט מען געדעכנט לויט די סדר וואס מען האט זיך געמוטשעט און נישט לויט די טייערקייט פון די זאך.

# מוסר השכל:

**האפן אויף די גאולה מיינט:** לעבן שוין יעצט מיטן עתיד, גלייבן און האפן מיט אן אמת אז "אחכה לו בכל יום שיבא! עס איז ביי מיר נישט קיין ווערטל, דאס איז אן אמת! עס גייט געשעהן און עס קען געשעהן יעדע מינוט!"

**מיר זיצן שוין באלד צוויי טויזנט יאר אין גלות.** אונזערע טאטעס און זיידעס האבן כסדר געזאגט און גע'חזר'ט מיט אונז, "מיין קינד, עס וועט נאך קומען א טאג וואס דער אייבערשטער גייט צוריק אויפבויען דאס בית המקדש און ער וועט נאכאמאל זיין מיט אונז צוזאמען דא אויף דער וועלט, ונגלה כבוד ה' ונראהו עין בעין בשוב ה' אל ציון. מיר בעטן נאר פון דיר, "האלט זיך שטארק און "אחכה לו בכל יום שיבא", דו זאלסט ווערן און כסדר בעטן אז יעדע רגע זאל משיח קומען!"

**און דאס איז דער חילוק פונעם איד צו דער גוי:** בלשאצר, אחשורוש, וכד'... ביי זיי איז געווען א יאוש, אויב משיח קומט נישט ביז די אין די צייט מיינט חלילה אז... (עי' מגילה דף יא:) אנדערש איז אבער ביי אונז אידן וואס דעם "אחכה לו בכל יום שיבא" וועט בלייבן אין אונזערע הערצער אויף אייביג!

דערפאר, זאל מען נישט זיין קיין נער און נאר אריינכאפן! מען דארף אנהייבן לעבן ווי א איד וואס איז מצפים לישועה און בקרוב ממש, ווען משיח וועט קומען, וועט ער צייגן מיט די פינגער און רופן די אלע אידן וואס האבן געווארט און געווארט און נישט אויפגעגעבן. זיי וועלן זיין די הויפט מחותנים, זיי וועלן זיין די וואס וועלן זוכה זיין צו זעהן עין בעין ישועת ה' אין די ערשטע רייע... בקרוב ממש."

**"עצי שיטים עומדים"** האט געוויזן אויף די אמונה און בטחון פון די אידן, די האפענונג אין די שווערסטע צייטן... ווייל ווען יעקב האט געזאגט "געבט אכטונג אויף די ביימער", זענען די אידן נאך געווען זייער ווייט פון די השגה פון די משכן... דאך האבן זיי זיך אנגעשטרענגט און געפלאגט, געפילעוועט און געהאפט אז אט אט גייט דאס שוין זיין.

ווי גרעסער די רצונות זענען געווען, אלץ א מער חשוב'ע כלי איז פון דעם געווארן, ווי דער הייליגער תפארת שלמה שרייבט (פרשת תרומה עה"פ ועשו לי מקדש א"י): מכל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי, בא"ד לפי נדבת הלב והרצון של בנ"י כאו"א לפי מדריגתו זכה ג"כ להיות חלקו לפי ערכו מי שהי' נדבתו יותר ברצון הטוב נעשה ממנו דברים המקודשים יותר כגון הארון וכפרת וכדומה, ומי שלא זכה להיות נדבתו ברצון הנכון היו נעשה ממנו שאר הכלים והחצר...

און נישט נאר אמאל איז געווען אזוי, נאר די זעלבע וועט זיין ווען משיח וועט קומען, ווי דער תפארת שלמה פירט אויס (שם): וכן יהי' לעתיד כמ"ש והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי (ישעיה נו ז) ודרשו רז"ל תפלתם לא נאמר אלא תפלתי (ברכות ז.). הפי' בזה אם האדם משים כל מגמתו עבור כבוד הבורא ב"ה אז נעשה ונגמר ע"י רצונו הטוב חלקו בבהמ"ק לע"ל ...

**און דאס איז דער חשיבות פון א איד! ער גלייבט, ער האפט און לעבט מיט די אמונה שוין יעצט! ער איז גרייט זיך צו מוטשענען פאר דעם ווייל ער ווייסט אז עס גייט זיין בקרוב ממש! און ער וויל זיין איינע פון די נאנטע מחותנים ביי די אמת'ע וועלט!!**

# צידה לדרך

**וְעָשִׂיתָ אֶת "הַקְּרָשִׁים".** (שמות כו טו)

זאגט רש"י: "הקרשים" מיינט די באקאנטע קרשים וואס זענען געשטאנען מיוחד פאר דעם און אנגעגרייט געווארן דורך יעקב אבינו... איז יעצט מקוים געווארן ביי זיינע אייניקלעך! דאס לויבט אויס די פייטן ביי יוצר פון די ערשטע טאג פסח "טס מטע מזורזים קורות בתינו ארזים", די זרוזים וואס האבן זיך געפעדערט, אנגעהאלטן און אנגעגרייט די קורות פון אונזער הייליגן הויז נאך איידער עפעס איז געווען...

["עצי שטים" איז די ראשי תיבות יַעקב צַפה שַבניו יַבנו מַשכן וַנטע עַצים טַובים. (ספרים)]

## די מסירת נפש בלייבט אויף אייביג...

"**עצי שיטים עומדים**". זאגן חז"ל: **שמא תאמר אבד זכרם בטל סיכוין**, איינמאל עס איז מער נישט דא קיין משכן, איז מער נישט דא קיין עצי שטים. ת"ל '**עצי שיטים עומדים**': **שעומדים לעולם ולעולמי עולמים.** די ברעטער בלייבן אויף אייביג און עס איז באהאלטן געווארן לעולם (סוכה מה). אזוי אויך, איז באהאלטן געווארן די אלע אנדערע כלים פון די משכן וואס האבן געהאט אין זיך די עצי שטים. ווי די ספורנו זאגט (לח, כא): **שמשום כך לא נפל דבר מהם ביד האויבים**, אפי' שלמה המלך האט נישט זוכה געווען צו אזא זאך ווייל די אלע כלים פונעם בית המקדש זענען גע'גנב'ט געווארן דורך נבוזראדן הרשע. אבער די כלי המשכן שעשה משה, האט קיין איינע פון די שונאים נישט געקענט לייגן זייער הענט דערויף.

פארוואס? **שהיו ראשי אומני מלאכת המשכן וכליו מיוחסים וצדיקים שבדור, ובכן שרתה שכינה במעשי ידיהם ולא נפלו ביד האויבים. אבל מקדש שלמה, שהיו עושי המלאכה בו מאומות העולם, אעפ"י ששרתה בו שכינה, נפסדו חלקיו... ונפל בסוף ביד אויבים.**

# הערות פון די ליינער

**לכבוד המערכת:**

פאריגע וואך האב איך געליינט אינעם גליון ווי איר האט אזוי שיין אויסגעשמועסט דער גאנצע ענין פון א עבד עברי און איר ברענגט דארט ארויס ווי ווייט מען דארף מחשיב זיין דעם עבד עברי מיט שלאפן, קליידונג, שפייזן איהם און זיין פאמליע און מען טאר ח"ו נישט מזלזל זיין און איהם... האב איך געטראכט צו מיר בשעת'ן ליינען, "אויב אזוי, פארוואס זאל איינער בכלל וועלן קויפן אן עבד עברי, עס קומט דאך מיט אזויפיל פרעשא"ר?" אויב מעגלי' קי ביטע שרייבן א תשובה אינעם קומענדיגן גליון. יישר כוחכם. מאת פ.א.

**תשובה:** אמת, ווען מיר קוקן בלויז פון אונזער זייט, פון אונזער באקוועמליכקייטן, איז דאס זייער שווער. אבער לאמיר אביסל צונעמען די זאך. איז דאס טאקע אזוי שווער? אדער איז עס בלויז די באגרעניצונג וואס מיר אלע ליידן פון? ווען מיר טראכטן צו זיך "איך וויל קענען טוהן וואס איך וויל און ווען איך וויל", דאס איז וואס מאכט אונז שווער! אבער לאמיר טראכטן א מינוט, איז דען דאס טאקע אזוי שווער? קוק וואס דער בעה"ב קען יא טוהן מיט איהם. ער קען איהם נוצן אויף סיי וועלכע ארבעט ער וויל. אמת, נישט אויף דברי בזיון והבל, פאר די ארבעט זאל ער טאקע נאר נוצן א עבד כנעני. זיין זוהן, ברודער אדער קרוב וואלט ער דאך אויך נישט געוואלט מען זאל מיט איהם אזוי טוהן! דער בעה"ב קען איהם נוצן שעות לאנג פאר די ארבעט, אבער מיט א גבול און נישט אן אויפהער, עס דארף האבן א זמן. נו, עס איז א זאך וואס יעדע רעכט-דענקיגער מענטש פארשטייט, אפי' א גוי'אישע קאפ ווי די מענטשן רעכטן גרופעס לאזן דאס אויך נישט צו, אפי' ביי די גוים.

אבער לאמיר נישט פארגעסן דער עיקר וואס דער בעה"ב פארדינט 1- א ספעציעלע ברכה וואס קומט אריין אין זיין שטוב, ווי מיר האבן געשריבן פונעם פלא יועץ: "ונתן לך רחמים ורחמך", ווי מער רחמנות מיר וועלן האבן אויף אונזערע ברודער, אלץ מער וועלן מיר אליין פארדינען... ווייל כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים.

2- ער ראטעוועט נישט איין מענטש, נאר א גאנצע וועלט מיט דורות. ווי חז"ל זאגן אונז: כל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא. נו, לוינט נישט בלויז פאר אפאר באגרעניצן צו האבן די זכייה צו ראטעווען א וועלט?

דער ערשטע מאל ווי עס ווערט דערמאנט אין די תורה וועגן אן עבד עברי געפונען מיר ביי יוסף, ביי די מעשה פון אשת פוטיפר וואס זי רופט איהם אן דארט בָּא-אֵלַי "הָעֶבֶד הָעִבְרִי" (בראשית לט' יז'). טאקע ביי די פרשה, געפונען מיר אז וואס מער פוטיפר האט אים מכבד געווען, אלץ מער איז געקומען די ברכה. ווי דער פסוק זאגט: וַיְהִי מֵאָז הִפְקִיד אֹתוֹ בְּבֵיתוֹ, וְעַל כָּל אֲשֶׁר יֶשׁ לוֹ, וַיְבָרֶךְ ה' אֶת בֵּית הַמִּצְרִי, בִּגְלַל יוֹסֵף; וַיְהִי בִּרְכַּת ה', בְּכָל אֲשֶׁר יֶשׁ לוֹ בַּבַּיִת, וּבַשָּׂדֶה. (בראשית לט' ה')

(בדרך אגב, עס ווערט געברענגט אין אר"י הק' אז די אידן האבן זוכה געווען צו די פרשה פון עבד עברי, נאר בזכות יוסף הצדיק, וז"ל "כי תקנה עבד עברי" ניתן לישראל כנגד מכירת יוסף, שנקרא ע"י אשת פוטיפר עבד עברי.)

נאך א פלאץ ווי מיר געפונען א מעשה פון אן עבד עברי, פון איינער וואס האט זיך אליין פארקויפט איז ביי די מעשה פון "איש חסיד היה" וואס מיר זינגען יעדע מוצאי שבת. און טאקע גלייך איז איהם אנטקעגן געקומען אליהו הנביא און איהם אויסגעלייזט. דער עושר וואס האט געקויפט דעם עבד עברי, האט טאקע געקויפט נישט קיין צווייטער ווי אליהו הנביא!

מען קען קיינמאל נישט וויסן וועמען מען האט די זכייה צו ראטעווען! יוסף הצדיק אדער אליהו הנביא?!